**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב ארבעט אויף METRO-NORTH פען סטאנציע צוטריט פראיעקט וואס וועט ברענגען פיר נייע סטאנציעס צו די בראנקס**

***סענאטאר שומער, קאנגרעסמאן טארעס און קאנגרעספרוי אקאָזיאָ-קארטעז שליסן זיך אן מיט די גאווערנער און מיט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט צו אנהויבן די קאנסטרוקציע***

***גרעסטע פארברייטערונג פון Metro-North רעלסן אין די היסטאריע וועט ברענגען באן סערוויס אין אין מייל פון 500,000 איינוואוינער און דראמאטיש שניידן די צייט ווי לאנג עס נעמט צו פארן***

***עס וועט צושטעלן Metro-North סערוויס צו פען סטאנציע דורך New Haven ליניע, פארבינדנדיג מאנהעטען, איסט בראנקס, וועסטשעסטער און קאנעטיקוט***

***נייע באן סערוויס וועט איינשפארן פאר איינוואוינער 50 מינוט א טאג אין דויערונג פון רייזע צו מאנהעטען און וועט עפענען געלעגנהייטן פאר א רייזע צוריק***

***ווידעאוס פון די הנחת אבן הפינה צערעמאניע זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב ארבעט אויף די Metro-North פען סטאנציע צוטריט (Penn Station Access) פראיעקט צוזאמען מיט פירער פון די מעטראָפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) דורכאויס א צערעמאניע אין די בראנקס דעם צופרי. מיט פיר נייע סטאנציעס אין די בראנקס, וועט דער פראיעקט ברענגען באן סערוויסעס אין די ראדיוס פון איין מייל פון 500,000 איינוואוינער און עס וועט זיין די גרעסטע פארברייטערונג פון די Metro-North רעלסן זינט עס איז געגרונדעט געווארן אין 1983. דורכן צושטעלן באן סערוויסעס פון און צו מאנהעטען, וועסטשעסטער און קאנעטיקוט, וועט דאס פארברייטערן צוטריט צו נאך דזשאבס, בילדונג און אונטערהאלטונג פאר איסט בראנקס קאמיוניטיס. אין צוגאב וועט דער פראיעקט באדייטנד רעדוצירן די דויערונג פון רייזעס, צושטעלן געלעגנהייטן פאר רייזעס אין די פארקערטע ריכטונג און אויך צושטעלן א קריטישע צווייטע וועג אריין קיין מאנהעטען צום ערשטן מאל דורך Metro-North.

"מיר ברענגען מאדערנע, זיכערע און פארלעסליכע פובליק טראנספארטאציע צו איסט בראנקס קאמיוניטיס, און דערמיט ברענגען מיר מער עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בשותפות מיט סענאטאר שומער, קאנגרעסלייט טארעס, אקאַזיאָו-קארטעז און באָומען און מיט Amtrak, וועט דער 'פען סטאנציע צוטריט' פראיעקט נישט נאר דראסטיש רעדוצירן די דויערונג פון רייזעס, נאר עס וועט אויך העלפן פארבינדן הונדערטע טויזנטע איינוואוינער און פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס. איך בין דאנקבאר פאר די MTA'ס שותפות צו אנהויבן די ארבעט

אויף דעם פראיעקט, און איך קוק ארויס צו זעהן דעם פארענדיגטן פראיעקט צו העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די מאדערנע פובליק טראנספארטאציע וואס עס קומט זיך זיי."

די פיר נייע סטאנציעס וועלן זיין אין האָנטס פוינט, פארקטשעסטער/ווען נעסט, מאריס פארק און קאָו-אַפּ סיטי, און זיי וועלן זיין צוגענגליך פאר אלע מענטשן לויט די סטאנדארטן פון דעם 'אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ' (Americans with Disabilities Act, ADA).

די פארברייטערונג וועט נוצן Hell Gate o'Amtrak ליניע צו צוקומען צו פען סטאנציע, ארויסנעמנדיג די מאקסימום פון עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און מינימיזירנדיג די שטערונגען פון קאנסטרוקציע אויף ארומיגע קאמיוניטיס. די Metro-North באנען וועלכע וועלן זיך אפשטעלן ביי די פיר נייע בראנקס סטאנציעס וועלן דינען אלץ א פארלענגערונג פון די New Haven ליניע וואס לויפט פון די ניו ראָושעל סטאנציע, אפפערנדיג טראנספארטאציע אפציעס פון די איסט בראנקס ביז מידטאַון מאנהעטען און ביי פלעצער אין וועסטשעסטער און אין קאנעטיקוט און אין די פארקערטע ריכטונג.

**MTA טשעירמאן און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט ברענגט א מהפכה פאר א ריזיגע טייל פון די בראנקס וואס האט יעצט א מאנגל אין טראנספארטאציע. 500,000 איינוואוינער וואוינען אין די מייל פון די פיר נייע Metro-North סטאנציעס, און נאך פיל מער — אויב מען קוקט אויף די גאנצע געגנט וואס באקומט סערוויס. דער פראיעקט מיינט דראמאטיש-קורצערע רייזעס און לעבנס-טוישנדע צוטריט צו דזשאבס, בילדונג, העלט קעיר און אלעס אנדערש וואס ניו יארק האט צו אפפערן."

**Metro-North Railroad פרעזידענט און Long Island Rail Road (LIRR) צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "גרענד צענטראל מעדיסאן ברענגט די LIRR, Metro-North און די סאָבוועי אונטער איין דאך צום ערשטן מאל. דאס ברענגען Metro-North סערוויס צו פען סטאנציע וועט פארבינדן די סאָבוועי, LIRR, NJ Transit און Amtrak, ערמעגליכנדיג ראיאנישע פארבינדונג ווי קיינמאל נישט געזעהן ערגעץ אנדערש אין די גאנצע לאנד. די פארענדיגונג פון אלע טראנספארטאציע פראיעקטן וועלכע זענען אונטערוועגנס וועלן אינגאנצן טוישן וויאזוי טראנספארטאציע קוקט אויס אין די טריי-סטעיט ראיאן, און עס וועט צושטעלן קריטישע טראנספארטאציע פאר קאמיוניטיס מיט באגרעניצטע אפציעס. היינט פייערן מיר אן ערגרייכונג וואס ברענגט אונז נאענטע צו די מציאות."

**MTA פרעזידענט פון קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט, דזשעימי טארעס-ספּרינגער, האט געזאגט,** "דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט וועט צושטעלן טראנספארמאטיווע בענעפיטן פאר די איסט בראנקס און פאר די גאנצע ניו יארקע ראיאן. אויסנוצנדיג די מאקסימום פון די עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און מיישם זיין די לעקציעס וואס מיר האבן זיך אפגעלערנט פון ערפאלגרייכע פראיעקטן ווי די LIRR דריטע רעלסן (Third Track), וועט די MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט אויספירן דעם פראיעקט בעסער, שנעלער און ביליגער."

די אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען לענגאויס די Hell Gate ליניע וועלן אויך פארמערן די פארלעסליכקייט פון סערוויס און די צייטליכקייט פון Amtrak וועלכע ביישטייערן 500 מיליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט, א דאנק די באמיאונגען פון סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער. Amtrak האט אויך צוגעשטימט צו צאלן פאר די קאסטן פון פארשפעטיגונג אויב זיי קומען נישט נאך זייערע פארפליכטונגען צו אונטערנעמען נויטיגע שריט ווען רעלסן ווערן צייטווייליג פארשפארט אדער צו צושטעלן די נויטיגע ארבעט'ס קראפט. די סך הכל קאסטן פון דעם פראיעקט איז פארגעזאגט צו זיין 3.18 ביליאן דאלאר, נאכפאלגנדיג אן ענדערונג צו די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פלאן וואס איז אנאנסירט געווארן אין יולי צו צולייגן נאך פינאנצירונג פאר די פארברייטערונג פון די ניו ראָושעל יארד.

**באורד טשעירמאן, טאָוני קאסטשע, האט געזאגט,** "דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט איז Amtrak איינשטימיג מיט Amtrak'ס חזון צו פארברייטערן פאסאנזשירן באן סערוויס מיט נייע אדער פארבעסערטע רוּטס אין געגנטער וועלכע באקומען יעצט נישט גענוג סערוויסעס. דורכן פארבינדן קאמיוניטיס, העלפן באנען צושטעלן צוטריט צו דזשאבס און ערמעגליכן מענטשן צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע צושטאנד אויף א וועג וואס באקעמפט אומגלייכקייטן. מיר גראטולירן גאווערנער האקול און אונזערע שותפים ביי די MTA פארן אנקומען צו די עררייכונג, און מיר באדאנקען סענאטאר שוּמער, קאנגרעסמאן טארעס און אונזערע שותפים אין קאנגרעס פאר זייער פירערשאפט מיטן רוקן דעם וויכטיגן פראיעקט פאראויס."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שוּמער האט געזאגט,** "פאר צו לאנג זענען די איסט און סאַוט בראנקס געווען טראנספארטאציע מדבריות. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב אזוי שווער געקעמפט צו פאראויס שטופן דעם פראיעקט — קודם דורכן צוזאמברענגען Amtrak און די MTA צו אויסהאקן די איינצלהייטן פון זייער שותפות; און צווייטנס דורכן ברענגען צענדליגע ביליאן דאלארן דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law) וואס וועט באצאלן פאר פיר נייע Metro-North סטאנציעס אין די איסט און סאַוט בראנקס. אנטוויקלונג פון טראנספארטאציע ברענגט צו אנטוויקלונג פון קאמיוניטי, און אזוי ווי מיר זעצן פאר צוריק אויפצובויען אונזער עקאנאמיע ארויסקומענדיג פון די פאנדעמיע, מוזן מיר טוהן אלעס וואס מיר קענען צו זיכער מאכן אז עס איז א יושר'דיגע ערהוילונג דורך פראיעקטן ווי פען סטאנציע צוטריט. מיט די היינטיגע הנחת אבן הפינה בויט ניו יארק די קומענדיגע דור פון אונזער פובליק טראנספארטאציע סיסטעם וואס וועט האלטן אונזער סיטי וואקסנדיג, ווייטער צוציהענדיג נייע מענטשן און ביזנעסער און ווייטער אריינגעבן די לעבעדיגקייט וואס מאכן די פלאץ אזוי ספעציעל."

**קאנגרעספרוי אלעקסאנדריע אקאַזיאָו-קאָרטעז האט געזאגט,** "אונזערע שכנים אין די בראנקס וועלן קענען זעהן די צייט ווי לאנג עס נעמט זיי צו פארן מיט די באן ווערנדיג קלענער מיט איבער א שעה אלץ רעזולטאט פון דעם פּען סטאנציע צוטריט פראיעקט. איך האב שוין פון לאנג געשתדל'ט פאר אינוועסטירונגען אין פובליק טראנספארטאציע, און עס האט א באזונדערע באדייט צו זעהן די פאזיטיווע השפעה וואס עס וועט האבן אויף קאמיוניטיס פון די ארבייטער קלאס אין אונזער דיסטריקט."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באָומען האט געזאגט,** "די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט אין די בראנקס און וועסטשעסטער האבן שוין געדארפט גערעכטיגקייט מיט טראנספארטאציע פאר זייער א לאנגע צייט. דער Metro-North פּען סטאנציע צוטריט פראיעקט העלפט פארווירקליכן טראנספארטאציע גלייכקייט פאר די איינוואוינער פון מיין דיסטריקט אין די בראנקס און אין ניו ראָושעל. די הנחת אבן הפינה און די צוקונפטיגע פארענדיגונג פון דעם פראיעקט וואס האט שוין פון לאנג געדארפט געשעהן איז א זאך צו וואס איך קוק ארויס. לאנג צייטן פון רייזעס אויף די באנען האבן א השפעה אויף די קוואליטעט פון לעבן אין מערערע וועגן, און די רעדוקציע אין רייזע צייטן וועט עפענען נייע געלעגנהייטן פאר אזויפיל פאמיליעס און איינצלנע מענטשן. צולייגן די פארברייטערונגען צו Metro-North וועט אויך ערלויבן מער מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי צו אויסוועהלן פובליק טראנספארטאציע אנשטאט דרייוון א קאר און אונז שטופן צו א גרינערע צוקונפט. איך בין שטאלץ צו שטיצן די קאמיוניטי-טוישנדע פובליק טראנספארטאציע פראיעקטן אויף די פעדעראלע שטאפל, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פון צוקונפטיגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וואס מאכן פובליק טראנספארטאציע צוגענגליך פאר יעדן."

**קאנגרעסמאן ריטשי טארעס האט געזאגט,** "פאר צו לאנג איז די בראנקס פארנאכלעסיגט געווארן ווען עס קומט צו פובליק טראנספארטאציע. דער פּען צוטריט מעטראָו פארברייטערונג פראיעקט איז א טריט פאראויס אינעם זיכער מאכן אז די בראנקס האט צופרידנשטעלדנדע צוטריט צו די מעטראָו. די פארברייטערונג שניידט נישט נאר די צייט ווי לאנג עס נעמט צו פארן, נאר עס פארבעסערט די ראיאנישע פארבינדונג און עס ברענגט לאקאלע עקאנאמישע בענעפיטן. די בראנקס לעבט נישט קוים איבער נאר

עס בליהט, און דער פּראיעקט איז א קריטישע טריט פאראויס צו זיכער מאכן די וואוקס פון אונזער קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט סענאט פירערין, ענדריע סטוארט-קאָזינס, האט געזאגט,** "די Metro-North פּען סטאנציע צוטריט פּראיעקט איז א באגייסטערנדע געלעגנהייט צו פארבינדן אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס, עקאנאמיעס, בילדונג אינסטיטוציעס און פיל מער. איך האב געשתדל'ט פאר דעם פּראיעקט, און איך באדאנק מיינע סטעיט און פעדעראלע שותפים אין רעגירונג פאר זייערע באמיאונגען צו ברענגען די פארברייטערונג צו ווערן א מציאות. איך בין איבערגעגעבן צו שטיצן קלוגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען, און איך קוק ארויס צו די פארענדיגונג פון דעם Metro-North פּען סטאנציע צוטריט פּראיעקט."

**אסעמבלי ספּיקער קארל העיסטי האט געזאגט,** "די פארברייטערונג פון די Metro-North רעלסן אריין אין עטליכע בראנקס קאמיוניטיס וועט אינגאנצן טוישן די וועג וויאזוי מיר זענען צוגעוואוינט צו פּובליק טראנספּארטאציע. שנעלע, פארלעסליכע און צוגענגליכע טראנספּארטאציע איז נויטיג אין די געגנטער, אפט געשילדערט דורך פילע אלץ 'טראנספּארטאציע מדבריות'. די פארברייטערונג איז וויכטיג פאר איינוואוינער און דערנעבנדע קאמיוניטיס, עפענענדיג א טויער צו ענדלאזע עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע געלעגנהייטן. די אינוועסטירונג אין די בראנקס קאמיוניטי וועט האבן א באדייטנדע השפעה."

**סטעיט סענאטאר לואיס סעפּאוועלדע האט געזאגט,** "די פארברייטערונגען וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול און די מולטי-מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די האָנטס פּוינט, פּארקטשעסטער/וואן נעסט, מאריס פּארק און קאָ-אָפּ סיטי סטאנציעס וועלן ברענגען א ריזיגע פארבעסערונג אין די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע פון אונז אין די בראנקס. דער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פּראיעקט וועט דירעקט פארבעסערן די לעבנס פון טויזנטע בראנקס איינוואוינער. מיר וועלן נישט נאר האבן בעסערע איינריכטונגען, רעדוצירטע טראנספּארטאציע צייטן און בעסערע צווישן-פארבינדונג מיט די רעשט פון די סיטי, נאר מיר וועלן דאס אויך קענען אויסנוצן פאר אונזערע ביזנעסער און בילדונג. איך וויל אויסלויבן די MTA, די גאווערנער'ס אפיס און יעדער וואס איז פארמישט אינעם דאס מאכן געשעהן."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פּאולין האט געזאגט,** "דער פּען סטאנציע צוטריט פּראיעקט וועט ברענגען א מהפכה פאר איינוואוינער פון די בראנקס, מאנהעטען, וועסטשעסטער און קאנעטיקוט. צום ערשטן מאל וועלן די קאמיוניטיס האבן א רייזע אן דארפן טוישן באנען אדער באסעס צו פּען סטאנציע, איינשפּארנדיג 50 מינוט פון רייזע צייטן טעגליך. די איינגעשפּארטע צייט און די באקוועמליכקייט פון די 5 נייע סטאנציעס עפענען מער צוטריט צו דזשאבס, בילדונג און העלט קעיר. איך באדאנק די MTA פאר זייער שווערע ארבעט צו אנקומען צו דעם היינטיגן טאג, און איך קוק ארויס צו זעהן אונזערע איינוואוינער האבנדיג די ערפארונג פון א נייע עפּאכע פון פארבעסערטע צוטריט און קליענט ערפארונג."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "די היינטיגע טריט פאראויס מיט דעם פּען סטאנציע צוטריט פּראיעקט איז א וואונדערבארע מאמענט פאר בראנקס איינוואוינער. די אנקום פון Metro-North סערוויס צו די איסט בראנקס וועט באדייטנד פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנייטן פאר אונזער באראו. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די MTA וואס זעצן פאר צו מאכן פארשריט, און מיר קוקן אלע ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם פּראיעקט."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל בענדעטאָ האט געזאגט,** "די מענטשן פון די בראנקס און קאָ-אָפּ סיטי באדאנקען גאווערנער האקול פארן מאכן די טרוים פאר וועלכע מיר האבן אזוי לאנג געקעמפט פאר א

מציאות: א Metro-North סטאנציע אין די בראנקס. מיר זענען יעצט באמת פארבינדן מיט די ברייטערע מעטראפאליטען ראיאן, אונזער צייט פון ווארטן איז פאריבער."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער האט געזאגט,** "דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט איז א געווינס פאר וועסטשעסטער'ס איינוואוינער וועלכע וואוינען לענגאויס די סאַונד שאָור. דאס שאפונג פון א רייזע אריין צו פען סטאנציע און דארפן טוישן באנען, עפענענדיג מער צוטריט צו דזשאבס, בילדונג און העלט קעיר צום ערשטן מאל אין די היסטאריע, וועט פארבעסערן רייזעס, רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און הייבן די ווערט פון וועסטשעסטער היימער אין דעם פראצעדור. צוזאמען האבן אלע שטאפלען פון רעגירונג געשאפן א באמת דינאמישע מהפכה פאר די וועלכע מיר זענען ערוויילט געווארן צו דינען."

**ניו ראָושעל מעיאר נאָועם ברעמסאן האט געזאגט,** "דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט איז די מערסט באדייטנדע פארבעסערונג צו אונזער ראיאן'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור אין א גאנצע דור, מיט ברייט-פארצווייגטע בענעפיטן פאר אונזער עקאנאמיע, ענווייראמענט און קוואליטעט פון לעבן. פאר ניו ראָושעל האט דער פראיעקט א באזונדערע געוויכט, גיבנדיג אונז די Metro-North סטאנציע וואס איז די נאענטסטע צו מאנהעטען מיט דירעקטע סערוויס צו גרענד סענטראל און פען, און אוועקשטעלנדיג אונזער שטאטישע צענטער טראנספארטאציע דיסטריט אין א פאזיציע פאר פרעצעדענטלאזע עקאנאמישע אנטוויקלונג און שטאנדהאפטיגע וואוקס."

**בראנקס בארא פרעזידענט ווענעסא ל. גיבסאן האט געזאגט,** "די איסט בראנקס איז פאר א לאנגע צייט געווען באזייטיגט ווען עס קומט צו טראנספארטאציע צוטריט, אבער די פיר נייע Metro-North סטאנציעס ווען דאס גרינגער מאכן פאר רייזנדע צו פארן צו זייערע דעסטינאציעס און העלפן עלימינירן 'טראנספארטאציע מדבריות' אין אונזער בארא. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, סענאטאר שומער, קאנגרעסמאן טארעס, קאנגרעספרוי אקאַסיאָו-קארטעז, Amtrak, פען סטאנציע צוטריט און די MTA פארן שטופן די אינציאטיוו פאראויס און זייער איבערגעגעבנקייט צו טראנספארטאציע גלייכקייט פאר אונזערע איסט בראנקס איינוואוינער. איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט."

**קאונסיל מיטגליד ראפאעל סאלאמאנקא האט געזאגט,** "די היינטיגע היסטארישע הנחת אבן הפינה צערעמאניע, פייערנדיג פיר נייע Metro-North סטאנציעס אין די בראנקס, אריינרעכענענדיג די האָנטס פוינט טייל פון מיין דיסטריקט, איז א גורל'דיגע מאמענט ביים אנקומען צו טראנספארטאציע גלייכקייט וואס אונזער סיטי און סטעיט האבן געזוכט צו דערגרייכן. די נייע סטאנציעס טוהען נישט נאר פארברייטערן צוטריט צו און פון פען סטאנציע, נאר זיי וועלן אויך אסאך פארמערן די עקאנאמישע און בילדונג געלעגנהייטן וועלכע זענען דא פאר בראנקס איינוואוינער אין וועסטשעסטער קאונטי און אין קאנעטיקוט, געגנטער וועלכע זענען בעפאר דעם נישט געווען צוגענגליך דורך א דירעקטע טראנספארטאציע רוּט. איך באדאנק גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס, סיטי, סטעיט און פעדעראלע שותפים פאר זייער אנטשלאסנקייט צו מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות."

**קאוסיל מיטגלידערין אמענדע פאריאס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט פון די געלעגנהייט צו צושטעלן לאקאלע ארבעט פאר בראנקס איינוואוינער און צו צולייגן א נייע באן רייזע אפציע וואס איז צוגענגליך און אפאָרדעבל פאר מיינע שכנים צו העלפן פארגרינגערן אנגעלייגטקייט אויף די ראודס און פארמערן ענווייראמענט-פריינטליכע טראנספארטאציע אין מיין דיסטריקט. איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט מיין קאמיוניטי אויף אלע פון די פארגעשלאגענע פראיעקטן און צו ארבעטן אין קאארדינאציע מיט זייערע קאמענטארן כדי צו פארזיכערן אז די בראנקס Metro-North פלאן קומט נאך קודם כל די געברויכן פון די בראנקס און אז עס איז דירעקט פאר די בענעפיט פון די פובליק."

**קאונסיל מיטגלידערין מארדזשארי וועלאזקעז האט געזאגט,** "די Metro-North פארברייטערונג וועט שפילן א קריטישע ראלע אינעם שטיצן די עקאנאמיע דורכן שאפן טויזנטע דזשאבס און ערמעגליכן צוטריט צו די באהאלטענע אוצרות וואס די בראנקס האט צו אפפערן. אזוי ווי אונזערע קאמיוניטיס וואקסן, מוזן מיר בויען צו אפשפיגלען אונזערע בליהענדע געגנטער. עס איז אפט דא צופיל ביוראקראטישע שטרויכלונגען וואס האלטן צוריק קריטישע אינוועסטירונגען ווי די; דורכן איסנוצן עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור וועלן מיר איבערקומען די שטרויכלונגען. און פאר קאמיוניטיס ווי מיין אייגענע (מאריס פארק און פארקטשעסטער/ווען נעסט) וועלכע זענען טראנספארטאציע מדבריות קען מען זיך נישט פארהוילן פון די די נויט פאר נאך טראנספארטאציע אפציעס. די פארברייטערונג איז א געוואלדיגע אינוועסטירונג, און איך בין באגייסטערט צו זעהן מיין קאמיוניטי זייענדיג א טייל פון די איניציאטיוו."

**פרעזידענט פון בויען און קאנסטרוקציע האנדל קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק ( Building and Construction Trades Council of Greater New York), גערי לעבארבארע, האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג שפיגלט אפ נאך א קריטישע טריט פאראויס מיטן מאדערניזירן און אויפלעבן אונזער סיטי'ס פאסאנזשיר באן נעטווארק מיט א פראיעקט וואס וועט שאפן טויזנטע מיטעלע-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו דעם פראיעקט, און מיר זענען דאנקבאר פאר איר פירערשאפט אזוי ווי די וויכטיגע איניציאטיוו רוקט זיך פאראויס. אונזערע מיטגלידער קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אלע פארמישטע פארטייען און מיט אונזערע שותפים אין די אינדוסטריע צו פארזעצן צו טראנספארמירן אונזערע באן רעלסן צו ווערן א מוסטערהאפטיגע און ווירקזאמע טראנספארטאציע סיסטעם וואס קומט זיך פאר ניו יארקער און מיט וועלכע צו קענען עכט שטאלצירן."

**פראיעקט בענעפיטן**

- **באדייטנדע רעדוקציע פון רייזע צייט.** איסט בראנקס פאסאנזשירן וועלכע רייזן צו פען סטאנציע קענען זיך איינשפארן ביז אזויפיל ווי 50 מינוט יעדן טאג, און די וועלכע פארן קיין קאנעטיקוט קענען זיך איינשפארן ביז אזויפיל ווי 75 מינוט. צום ביישפיל, פון די פארגעשלאגענע קאָ-אַפּ סיטי סטאנציע ביז סטאנציע נעמט עס בערך 75 מינוט צו אנקומען ביז פען סטאנציע, און מיט די פארענדיגונג פון דעם פען סטאנציע צוטריט פראיעקט, איז די רייזע צייט ערווארטעט צו זיין נאר 25 מינוט. די יעצטיגע פאסאנזשירן פון די New Haven ליניע מיט דעסטינאציעס אויף די וועסט סייד קענען זיך איינשפארן ביז 40 מינוט יעדן טאג.
- **מער רייזע געלעגנהייטן אין די פארקערטע ריכטונג.** רייזנדע אויפן וועג צוריק וועלן קענען פארן גרינגער פון פען סטאנציע צו האָנטס פוינט, פארקטשעסטער/ווען נעסט, מאריס פארק, קאָ-אַפּ סיטי, וועסטשעסטער און סאוטערן קאנעטיקוט.
- **לאקאלע עקאנאמיע בענעפיטן און מער ענווייראמענט פריינטליכקייט.** פארבעסערן צוטריט צו די איסט בראנקס, וועסטשעסטער און קאנעטיקוט וועט בענעפיטירן לאקאלע בילדונג אינסטיטוציע קאמפוסן, מעדיצינישע אנשטאלטן און ריטעיל געשעפט צענטערן. דורכן באדייטנד רעדוצירן די דויערונג פון רייזעס וועט דער פען סטאנציע צוטריט פראיעקט מאכן פובליק טראנספארטאציע א שכל'דיגע און ציהענדע אלטערנאטיווע טראנספארטאציע מיטל, מוטיגנדיג דרייווערס צו אריבערגיין צו פובליק טראנספארטאציע, רעדוצירנדיג אנגעלייגטקייט אויף די ראודס און גאז עמיסיעס.
- **פארבעסערטע ראיאנישע פארבינדונגען.** מיט די צוגעקומענע אפציעס וועלן בראנקס איינוואוינער און אזוי אויך די וועלכע קומען פון די גרעיטער ניו יארק סיטי געגנט, וועסטשעסטער, קאנעטיקוט און די צפון-מזרח ראיאן קענען גרינגער אנקומען צו דעסטינאציעס אריבער די צפון-מזרח ראיאן מיט פארבינדונגען צו NJ Transit, LIRR, PATH, Amtrak און NYCT סאָבוועיס.

**פראיעקט איינצלהייטן**

אין צוגאב צו די פיר נייע סטאנציעס וועלכע וועלן זיין אויף ADA סטאנדארטן, וועט דער פראיעקט מאכן די עקזיסטירנדע 2-רעלסן ליניע צו א גרויסע 4-רעלסן ליניע, מיט איבער 19 מייל פון נייע און איבערגעמאכטע רעלסן ארבעט. די פארברייטערונג צו א 4 רעלסן וועט ערמעגליכן סערוויס בויגזאמקייט צו שטיצן די פארמערונג אין Metro-North און Amtrak באנען וועלכע זענען ערווארטעט צו אפערירן אריבער די געגנט און ערלויבן די באנען צו מאכן אומוועגן אין פאל פון סערוויס שטערונגען.

די צוגעקומענע סערוויס פארלאנגט א פארגרעסערונג פון Metro-North'ס ניו ראָושעל יארד אין וועסטשעסטער, צוזאמען מיט די מאדערניזירונג פון סיגנאלן, עלעקטריציטעט און קאמיוניקאציע אינפראסטרוקטור. דאס וועט באשטיין פון פיר נייע אינטערלאַקינגס, פינף נייע סאָבסטאנציעס, ווידער אויסשטעלן די פעלהעם בעי אינטערלאַקינג און פארבעסערן צוויי עקזיסטירנדע סאָבסטאנציעס.

דער פראיעקט רעכנט אויך אריין רענאוואציע ארבעט צו פאררעכטן און פארשטערקערן די פאלגנדע פיר בריקן צו קענען פירן מער באנען: בראנקס ריווער בריק, איסטשעסטער ראוד בריק, בראנקסדעיל עוועניו בריק און פעלהעם לעין בריק.

**פראיעקט צייטפלאן**

אין סעפטעמבער 2021 האט די פעדעראלע טראנספארטאציע אדמיניסטראציע ( Federal Transit Administration) ארויסגעגעבן א 'געפינס פון נישט באדייטנדע השפעה' ( Finding of No Significant Impactl), ערלויבנדיג דעם פראיעקט צו גיין פאראויס. אום דעצעמבער 29, 2021 האט די MTA געגעבן די דעזיין-געבוי קאנטראקט פאר די געמיינזאמע פלאן פון Halmar International, LLC און RailWorks.

איינס פון די ערשטע פראיעקט עלעמענטן וועלכע וועלן פארקומען וועט זיין די קאנסטרוקציע פון די לעגעט אינטערלאַקינג, איניס פון די פיר נייע אינטערלאַקינגס. די לעגעט אינטערלאַקינג וועט זיך געפונען דרום פון די פארגעשלאגענע האַנטס פוינט סטאנציע. למעשה'דיגע קאנסטרוקציע פון די פאסאנזשיר רעלסן סטאנציעס איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין 2024. די ערווארטעטע דאטום פון פארענדיגונג פאר דעם פען סטאנציע צוטריט פראיעקט איז אין 2027.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418